LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפטן



**Natan Altman** (1889-1970) :
**SALOMON MICHOËLS**
(1890-1948)

נתן אַלטמאַן :
**שלמה מיכאָעלס**

© jood historisch museum :
*Modern Masterpieces from Moscow. Russian Jewish Artists, 1910-1940*. jewish historical museum. amsterdam

n° 121 JANVIER 2008 יאַנואַר prix : 5 euros

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# ייִדיש אין ישׂראל

## אינטערוויו מיט שמואל עצמון-ווירטזער

דירעקטאָר פון ייִדישפּיל-טעאַטער אין תּל-אָביב

**אויפגענומען פון פּראָפעסאָר מאַקס קאָהן**

(פּאַריז)

**מאַקס קאָהן :**

**ווער זענט איר?**

**שמואל עצמון-ווירטזער :**

איך בין שמואל עצמון-ווירטזער. איך האָב זיך געוואָלט אַסימילירן אָבער אַ מענטש קען זיך נישט אָפּזאָגן. איך בין צוריקגעמען צו מיין נאָמען "ווירטזער". עצמון איז "קראַפטיק". אין 1950 בין איך געווען אין טעאַטער מיט דעם שוישפּילער מאיר מאַרגאַליס און דער קולטור-מיניסטער פּראָפעסאָר יוסף בינור, וואָס האָט געזאָגט, אַז "ווירטזער" איז נישט קיין ייִדישער נאָמען. מיר זענען געזעסן ביים באַרג עצמון : אַזוי האָב איך אויסגעקליבן דעם נאָמען עצמון. דער טאַטע האָט מיר געזאָגט - ווייל ער האָט געוווסט, אַז איך האָב שוין דריי מאָל געשריבן צו טוישן מיין נאָמען : "איך האָב געוווסט אַז דו ביסט אַ נאַר, אָבער אַ זיין אַן אקשן! פאַרוואָס ווילסטו ענדערן דיין נאָמען?"

- איך האָב אים געענטפערט : "איך וויל ווערן אַן אַקטיאָר און כ׳וויל נישט דיר מאַכן קיין אגמת-נפש". דעם 9טן דעצעמבער 2007 וועל איך באַקומען דעם "דאָקטאָראַ האָנאָריס קאַוזאַ" פון מיכלה נתניא פאַר מיין גאַנץ אויפטאָן פאַר ייִדיש.

**פראַגע :**

**וואָס איז אייער אויפטו אין ייִדיש?**

**ענטפער :**

איך בין אַן אַקטיאָר און אַ רעזשיסער און אַ גרינדער פון דריי טעאַטערן. איך בין איצט דער דירעקטאָר פון ייִדישפּיל-טעאַטער אין תּל-אָביב. לויִס זשווע (Louis Jouvé - באַרימטער פראַנצויזישער אַקטיאָר) האָט געזאָגט, אַז "אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער איז אַ רעזשיסער וואָס ס׳איז אים נישט געלונגען. אַן אַקטיאָר איז אַ מענטש וואָס ס׳איז אים נישט געלונגען אין לעבן". איך בין די דריי זאַכן צוזאַמען.



**פראַגע :**

**וואָס איז די סיטואַציע פון ייִדיש לויט אייער מיינונג היינט אין ישׂראל און אין דער וועלט בכלל?**

**ענטפער :**

אויב ס׳איז דאָ אַ "רענעסאַנס" פון ייִדיש אין דער גאַנצער וועלט, איז עס נישט בלויז אין ישׂראל. איך האָב זיך געטראָפן אין באַבי-יאַר מיט סערגיי יעווטושענקאָ וועלכער האָט געשריבן דער פּאָעמע "באַבי-יאַר". איך האָב עס געלייענט אויף ייִדיש און ער אויף רוסיש. אין באַבי-יאַר זענען געהרגעט געוואָרן טויזנטער ייִדן. אַ קולטור פון טויזנט יאָר אַלט קען אַרויס פון גרוב. דאָס איז אַ דאַנק ייִדיש און דעם ייִדישפּיל טעאַטער. מיר זענען געווען דריי "שמוליק" אין טעאַטער : שמואל סעגאַל, שמואל רודענסקאָ און איך, שמואל עצמון-ווירטזער. זיי וואַרטן שוין אויף מיר.

**פראַגע :**

**ווי אַזוי זעט איר די צוקונפט פון די ייִדישע שפּראַך און קולטור און פון דאָס ייִדישע וואָרט?**

**ענטפער :**
דער וואָס אַרבעט היינט, דאַרף נישט פאַרגעסן דאָס פאַרגאַנגענע און ווען ער וועט גוט אַרבעטן וועט זיין אַ צוקונפט. מען דאַרף טאָן פאַר די צוקונפט. אַ סך פון די זשורנאַליסטן וואָס האָבן מיר געפרעגט צו ס'איז דאָ אַ פערספעקטיוו פאַר ייִדיש, ליגן שוין אויף דעם בית-עולם. מיט 20 יאָר צוריק האָב איך נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן דערגרייכן 25 אינטערנאַציאָנאַלע פעסטיוואַלן. מיר האָבן אין אונדזערע טרופּע צוועלף יונגע מענטשן. צווישן 5.000 און 10.000 סטודענטן קומען זעען טעאַטער פאַר די "ייִדישע גוים" וואָס פאַרשטייען נישט קיין ייִדיש. נאָר מיט ייִדישן הומאָר קען מען רעדן וועגן טיפע און ערנסטע זאַכן : די צוקונפט פון ייִדיש. ייִדיש איז נישט קיין קלייניקייט. ס'איז אַ ציוויליזאַציע (אין די צייטן פון גלאָבאַליזאַציע) וואָס מיר דאַרפן אויפהאַלטן.

מיר וועלן אינגיכן שאַפן אַ ייִדיש-צענטער פאַר ייִדישער קולטור אין תל-אביב מיט אַן אייגענעם טעאַטער.

28טן נאָוועמבער 2007.

יחיאל שרייבמאַן

# " שניי "

פאַרשנייטע ביימער. פאַרשנייטע דעכער. עס שיט און שיט אַ שניי. דער קאָפּ איז מיר פאַרשנייט, דאָס פּנים — פאַרשנייט, די קליידער מײַנע זײַנען פאַרשנייט. איך בין ניט איך — כ'בין אַ שניימענטש.

כ'בין שניי־ווײַס און שניי־ריין. ווי דער גאָרער שניי, ווי די פאַרשנייטקייט.

פאַרשנייטע קינדער וואַקסן אויס לעבן מיר. פאַרשנייטע קינדער גלעטן מיך אַרום, קײַלעכיקן מיר אויס די באַקן, פאַרשמאָלן מיר די קוילאויגן, שטעקן מיר אַרײַן אין מויל אַ צווײַגל — אַ ליולקע אין מויל.

פאַרשנייטע קינדער טאַנצן אַרום מיר און פרייען זיך מיט מיר.

פּלוצעם הערט אויף שנייען. עס גייט אַרויס אַ הייסע זומערדיקע זון, כ'בלײַב איינער אַליין אַ פאַרשנייטער.

די זון וואַרעמט און בריט, און דער שניימענטש הייבט אָן צעלאָזן זיך און צעלאָזן זיך.

כ'פיל, ווי עס טוט מיר אַ פאַל אַראָפּ אַ האַנט. דער קאָפּ זעצט זיך אַרײַן אין די אַקסל. כ'צעשיט זיך. כ'ווער אַ הויל פלאַטשיק קופּקעלע שניי.

עמעצער גייט דורך און צעשאַרט דאָס שניי־קופּקעלע מיט די פיס.